מיסודו של כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע

תלמוד תורה
תורה ויראה
דסאטמאר

לאנדאן
יצ"ו

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

# בריזא יקירא

## לחג השבועות

ב"ה

# ברזא יקירא

תלמוד תורה "תורה ויראה" דרב"י דסאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

פה לאנדאן יצ"ו

כתה ז' ח'

יו"ט שבועות שנת תשע"א

## דורש טוב

עס שטייט אין מדרש אז בשעת מתן תורה האבן די אידן געטנפערט אויף א עשה יא אין אויף א לא תעשה ניין, פרעגט דער הייליגע בעלזער רב ר' ישכר דוב זי"ע, לכאו' אין גמ' שטייט 'אנכי ולא יהי' לך בדיבור אחד נאמרו ' אין וואס האבן די אידן דעמאלט געענטפערט ווייל עס איזביידע צוזאמגעשטעלט, נאר מען קען ענטפערן אז זיי האבן געזאגט שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד. און דאס פארענטפערטביידע צוזאמען, מיט דעם קען מען מסביר זיין'ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמה אמרו כאחד ופתחו וענו ד' אחד, ווען האבן זיי געדארפט ענטפערן ד' אחד, נאר ביי 'אנכי ולא יהי' לך ' האבן זיי נישט געקענט ענטפערן נאר שמע ישרעל ד' אלקינו ד' אחד.

(מהרי"ד מבעלזא)

ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמה אמרו כאחד' לכאו' דארף מען פארשטיין דעם לשון 'כאחד' נאר עס שטייט אין גמ' (מס שבת פח.) 'אמר ר' חמא בר חנונא לתאי דכתיב כתפוח בעצי היער, למה נמשלו ישראל לתפוח. לומר לך מה תפוח זה פריו קודם לעליו אף ישראל הקדימו נעשה לנשמע.' פרעגט תוס' לכאו' די פסוק 'כתפוח בעצי היער' שטייט אויפ'ן באשעפער אזיווי עס שטייט ווייטער 'כן דודי בין הבנים 'איז וואס איז מען מדמה תפוח צו די אידן, נאר עס שטייט אין מדרש אז אין די צייט וואס די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע האט השי"ת געזאגט איך וועל אויך אזוי' טוען אזוי ווי עס שטייט ' והי' טרם יקראו ואני אענה', קומט אויס אז השי"ת איז אויך מקדים נעשה פאר נשמע אין דאס איז פשט אין פסוק 'כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים' אזוי ווי די אידן זענען מקדים נעשה לנשמע אזוי ווי א עפל אזוי איז הקב"ה אויך מקדים נעשה פאר נשמע אין דאס איז פשט נעשה ונשמע אמרו 'כאחד' ביידע צוזאמען סיי השי"ת אין זיי די אידן.

(מהרי"ד מבעלזא)

עס שטייט אין פסוק 'ויחן שם ישראל נגד ההר ' , דער הייליגער ייטב לב זי"ע פרעגט , לכאו' מער בעטן יעדן טאג ביי ברכת התורה 'והערב נא וכו" שפעטער פאר קר"ש בעט מען נאכאמאל 'ותן בלבנו בינה וכו" לכאור' וואלט די פאסיגסטע צייט געווען מתפלל צו זיין צו פארשטיין לערנען פאר קבלת התורה שטייענדיג ביים בארג סיני? נאר דער אמת איז אז די אידן פאר קבלת התורה האבן טאקע יא מתפלל געווען, 'ויחן' איז א לשון חן די אידן האבן געבעטן אויף חן פון השי"ת אז זייערע תפילות זאלן נתקבל ווערן. אין דאס איז פשט אין פסוק, 'ויחן שם ישראל נגד ההר' ממש פאר מתן תורה האבן די אידן טאקע יא מתפלל געווען אז זיי זאלן פארשטיין די לערנען.

מען זאגט ביי ברכת התורה יעדן טאג 'אשר בחר בנו מכל העמים ' איז לכאור' שווער מען זעהט ביי קבלת התורה אז השי"ת האט אלעס אויסגעוועלט דווקא ביי די וואס האלטן זיך קליין אזיווי אויפ'ן בארג סיני, ענדערשער ווי אויף אלע אנדערע בערג? נאר מען זעהט ביי נח די לשון 'צדיק תמים ה' בדורותיו, ווי רש"י זאגט אז לגבי זיין דור איז ער געווען א צדיק, דער אלשיך הק' זאגט די זעלבע זאך 'אתה בחרתנו מכל העמים' השי"ת האט אונז אויסגעוועלט פאר זיין פאלק דורכדעם וואס השי"ת האט אונז אפגעשאצט לגבי אנדערע פעלקער דורכדעם האט ער אונז ליב געהאט ממילא איז דאס נישט קיין גרויסקייט, ממילא קען מען שוין זאגן די ברכה 'אשר בחר בנו מכל העמים' ווייל עס ברענגט נישט צו קיין גיאות נאר אויב עפעס ברענגט דאס די ענוה קען מען שוין מאכן די ברכה ביי ברכת התורה צו קענען פארשטיין דאס לערנען.

## "טעמים ומנהגים אויף יו"ט שבועות"

**פארוואס מען איז אויף תיקון ליל שבועות?**

א) ווייל פאר מתן תורה זענען די אידן פארשלאפן אין השי"ת האט זיי געדארפט אויפוועקן צו קבלת התורה כדי דאס מתקן צו זיין איז מען אויף א גאנצע נאכט.

(מגן אברהם)

ב) ווייל מקבל צו זיין די תורה דארף מען האבן א ריין הארץ אזיווי ביי מתן תורה שטייט לך וקדשתם ממילא דארף מען לערנען תורה א גאנצע נאכט מען זאל האבן א ריין הארץ צו קענען מקבל זיין די תורה.

(שפת אמת)

ג) ווייל א איד דארף האבן אזא פחד און א תשוקה צו קבלת התורה אז מען זאל נישט קענען שלאפן א גאנצע נאכט.

(שפתי צדיק)

**סגולות פון אויף זיין תיקון ליל שבועות**

א) דער וואס לערנט די נאכט ווערט אפגעהיטן א גאנץ יאר פון אלעם בייזן און אויף דעם שטייט חונה מלאך ד' סביו.

(זוהר הקדוש)

ב) דער וואס לערנט א גאנצע נאכט ווערט ניצול פון כרת און וועט דורכלעבן א גאנץ יאר.

(שערי ציון)

ג) ווער עס איז אויף א גאנצע נאכט דער פארשלאפט נישט זיין מזל און איז זוכה צו בנים תלמידי חכמים.

(מועד לכל חי)

**פארוואס מען שפרייט אויס בלומען**

א) ווייל עס איז געווען בלומען און גראז אויפן בארג סיני, כדי צו דערמאנען שמחת מתן תורה לייגט מען ארום איבעראל.

(לבוש)

ב) ווייל ווען ראובן איז געגאנגען צוזאמנעמען דודאים איז געווען ערב שבועות און דערמאלטס איז יששכר געבוירן געווארן.

(אלשיך הק')

ג) ווייל פון יעדעווארט וואס הקב"ה האט געזאגט אויפן בארג סיני איז די וועלט פיל געווארן מיט בשמים אלץ זכר צו דעם לייגט מען ארום שמעקעדיגע בלומען.

(חתם סופר)

עס שטייט אין גמ׳ (פסחים סח:) ׳הכל מודים העצרת ׳יעדער איז מודה אז יו״ט שבועות ׳בעינן נמי לכם׳ דארף מען הנאה האבן אויך דאס מיינט מאכן סעודת יו״ט, איז דער הייליגער קדישת לוי מסביר אז פסח ווען מען איז ארויס פון מצרים איז דאס געווען א טובה פאר די גוף אבער שבועות בשעת קבלת התורה קומט דאך נאר אראפ רוחניות׳דיגע השפעות איז וויאזוי קען די גוף הנאה האבן, פאר דעם זאגט די גמ׳ ׳בעינן למי לכם׳, ווייל א איד דארף גלייבן אז תורה איז די לעבן פון עולם הזה און הולם הבא אזויווי עס שטייט אין פסוק ׳אורך ימים בימינה ובשמאלה עשר וכבוד׳, און עס שטייט אויך אז די תורה איז א רפואה פאר דעם מענטש ממילא איז יעדער מודה אז עס דארף זיין לכם אויך.

(קדושת לוי)

דער הייליגע קדושת לוי זאגט אז די יו״ט פון מתן תורה דארף כולל זיין אין זיך אלע ימים טובים ווייל מען האט מקבל געווען די תורה און אין די תורה שטייט אלע ימים טובים פארדעם דארף אלע ימים טובים זיין מרומז אין די יו״ט, ׳ראש השנה׳ איז מרומז אין פסוק ׳וקול שופר חזק מאוד׳, סוכות איז מרומז ווייל זיצן אין סוכה באשיצט מען זיך אונטער די פליגלען פון השי״ת די זעלבע זאך ביי מתן תורה אונטערן בארג סיני. פסח, שטייט פון אריה׳ק אז שבועות איז די אכטע טאג פסח אזויווי שמיני עצרת פון סוכות. יום כיפור שטייט אין ירושלמי (בכורים פ״ג) אז פאר דריי מענטשן איז השי״ת מוחל די עבירות אין איינע פון די איז א חתן, אין גמ׳ שטייט ׳ביום חתונתו זה מתן תורה׳ אין וויבאלד שבועות איז הקב״ה די חתן און כלל ישראל די כלה איז מען מוחל אלע עבירות אזויווי יום כיפור.

(קדושת לוי)

## "אקדמות מילין"

### רמזים על פיוט "אקדמות"

**עבידין לי׳ חטיבא בדנח ושקעתא,**

די אמונה וואס א איד דארף האבן איז בדנח ווען עס איז ליכטיג ושקעתא און ווען עס איז א בחינה פון די זון גייט אונטער, עס איז פינסטער.

**למחזי באנפא עין כות גירי השתא,**

מען דארף זיך היטן די אויגן אזויווי ווען איינער וואלט אים געוואלט אריין שיסן אין די אויג א פייל.

**לכל אתר דמשתלחין זריזין באשותא,**

אפי׳ מען איז אמאל אויף א פלאץ וואס זעהט אויס אז מען קען נישט דינען השי״ת דארף מען דאס טוהן בזריזות.

**לכל אתר דמשתלחין זריזין באשותא**

, איבעראל ווי א איד וויל צוקומען אין עבודת השם קען נאר זיין דורך די מדה פון זריזות, זריזות מביא לידי וכו׳ עד רוח הקודש.

**ושלם גמוליא לשנאי ונגותא,**

פאר די שונאים באצאלט השי״ת די שכר אויף די וועלט אבער צדקינא לעם חביב, דאס אז עס איז גוט פאר א איד אויף די וועלט איז נאר בבחי׳ צדקה די עיקר שכר איז נאר אויף יענע וועלט.

**צבי וחמיד ורגיג דילאון בלעותא**

השי״ת האט געוואלט מען זאל זיך מוטשען אויף תורה כדי די מויל זאל זיין ראוי צוזאמען מיטן מח מען זאל קענען דאווענען צלותהון בכן מקבל והניא בעותא.

## "טעמים ומנהגים אויף יו"ט שבועות"

**טעמים פארוואס מען עסט מאכלי חלב**

א) ווייל די הר סיני שטייט אין מדרש האט געהאט אכט נעמען אין איינע פון זיי איז געווען הר גבנונים, נקי כגבינה ריין אזויווי קעז אלץ זכר פון דעם עסט מען מילכיגס.

(מהר״ש מאוסטרפאליא)

ב) ווייל דורך קבלת התורה ווערט מען באנייט אזויווי א ברי׳ה חדשה און אזויווי א קטן וואס איז יעצט געבוירן געווארן און א קטן עסט נאר חלב פארדעם עסט מען מילכיגס.

(ספר מטעמים)

ג) ווייל חלב איז ר״ת ל׳הגיד ב׳בוקר ח׳סדך אין די תורה האט השי״ת געגעבן פאר די אידן מרוב חסדו צו טוהן גענאדע מיט די אידן פארדעם עסט מען חלב.

(בני יששכר)

ד) ווייל דורך קבלת התורה איז כלל ישראל געווארן אפגעשיידט פון אלע פעלקער פארדעם עסט מען חלב וואס מען טאר נישט עס צוזאמען מיט בשר צו ווייזן אז מען איז געווארן אפגעטיילט פון אלע פעלקער דורך קבלת התורה.

(צבי לצדיק)

**פארוואס זאגט מען מגילת רות**

א) מען ליינט מגילת רות ווייל די מעשה מיט בועז האט פאסירט בימי קציר חטים וואס איז בחג שבועות.

(לבוש ס׳ תצד)

ב) ווייל סוף מגילת רות שטייט די יחוס פון פרץ ביז דוד המלך און דוד המלך איז געבוירן יו״ט שבועות פארדעם ליינט מען מגילת רות.

(בנין אריאל)

# ציצים ופרחים

**ארץ וועגן די תורה.**
אין ספר "שם משמואל" ווערט געברענגט אז דער ערד ווערט אנגערופן "ארץ" ווייל דאס איז א לשון פון "רץ – געלאפן" בשעת די וועלט איז באשאפן געווארן איז זי געלאפן טוהן דעם אויבערשטענס ווילן. דאס איז די הימל און שטערן זענען געלאפן טוהן דעם אויבערשטנס ווילן איז נישט קיין חידוש ווייל אויבן דארט איז אלעס הייליג און ריין אבער אונטן אויף דער ערד וואס דארט איז פארגרעבט דאס מיינט די גוים וועלכע ליגן מיט זייער גאנצע קאפ נאר אין שמוץ, דארט איז א גרויסע חידוש אז דאך איז דער ערד געלאפן טוהן דעם אויבערשטנס ווילן און געווארן א ערד, ווייל דער ערד האט געוואוסט אז די אויבערשטער האט באשאפן די וועלט וועגן די איד די וועלכע וועלן נעמען די הייליגע תורה, האט זיך גענלינט פאר דער ערד זיך צו פארשווארצן, דאס מיינט אז די גוים וועלן אויף איר טוהן עבירות, כדי אויף איר זאל מען געבן די הייליגע תורה וואס די אידן וועלן אייביג לערנען.
(אהרן גראסבארד, כתה ח')

**אהבה רבה.**
מען פירט זיך צו פארלענגערן ביי די ברכה פון אהבה רבה אין די טאג שבועות קען מען זאגן א טעם מיט דעם וואס דער תולדות יעקב יוסף ברענגט פון זיין רבי דער בעש"ט הק' אז מען האט אים געזאגט פון הימל אז משיח קומט נישט ווייל מען פארלענגערט נישט ביי אהבה רבה עס שטייט אין זוה"ק אז שבועות וועט מען ארויס גיין פון גלות פארדעם שבועות וואס איז א זמן גאולה זאגט מען לאנג אהבה רבה.
שער יששכר
(משה הלוי פריעדמאן)

**מזל סיון תאומים.**
פארוואס איז דער מזל פון סיון תאומים?
ווייל דער מזל פון חודש סיון (תאומים) קען אויך באדייטן ווייל די אידן זענען געווען באחדות.
בני יששכר
(עקיבא משה הלוי מארמארשטיין כתה ז')

**תנה הודך על השמים.**
די מלאכים האבן גע'טענה'עט ביי מתן תורה דינא דבר מצרא קען מען עס פארענטפערן ווייל עס שטייט אין

ייטב לב אז יעקב אבינו איז געווען גרעסער ווי די מלאכים און איז געווען נענטער צו דער אויבערשטער קומט אויס אז די אידן זענען נענטער צו די אויבערשטער מער ווי די מלאכים קומט די תורה מער פאר די אידן ווייל זיי זענען נענטער צו די אויבערשטער.
כ"ק מרן הגה"ק שליט"א
(שמואל בענעדיקט, כתה ח')

**כפה עליהם הקב"ה הר כגיגית.**
פארוואס האט מען געדארפט אויפהייבן די בארג נאר תוס' אין מסכת שבת זאגט אז די אידן האבן שוין געזאגט נעשה ונשמע נאכדעם וואס זיי האבן געהערט והייתם לי סגולה האבן זיי געוואלט נעמען די תורה אבער מען האט געדארפט מקבל זיין די תורה אן קיין שום שכר אויף דער וועלט סיי פון עולם הזה און סיי עולם הבא נאר דורך יסורים און גלות וועגן דעם האבן זיי געזאגט נעשה ונשמע, האט מען געדארפט אויפהויבן די בארג זיי זאלן ארבעטן אן קיין שום שכר.
ישמח ישראל
(חיים לייב גרינפעלד, כתה ח')

**יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך.**
רש"י ברענגט דאס אויף דעם פסוק יום הששי וגו' אז צוליב דעם זעקסטן טאג אין סיון וואס די אידן האבן מקבל געווען די תורה איז די וועלט באשאפן געווארן דערפאר זאגט די פסוק די לשון יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך און נישט יום אשר עמדת "בו" לפני ה' אלקיך נאר די אידישע קינדער האבן אוועקגעשטעלט די טאג ו' סיון פאר השי"ת אז די טאג זאל שטענדיג שטיין און עדות זאגן אז אידישע קינדער האבן זיך מוסר נפש געווען אין דעם טאג ווען זיי האבן געפעדערט "נעשה" פאר "נשמע" כדי אידישע קינדער זאלן א גאנץ יאר טרעפן זי הארה ווען זיי וועלן עס פארשטיין ווי עס פאסט זיך.
שפת אמת
(מאיר פרענקל מב"ה, כתה ח')

**וקראתם בעצם היום הזה מקרא קודש יהיה לכם וגו' חוקת עולם לדורותיכם.**
קען מען זאגן פשט לויט ווי ס'שטייט אין גמ' בעצרת נדונין על פירות האילון זאגט די נועם מגדים אז שבועות איז מען דן וויפיל חדושי תורה יעדער זאל מאכן אזוי ווי

ס'שטייט אין פסוק כי האדם עץ השדה און די חדושי תורה זענען זיינע פירות אבער ס'קען זיין א צווייטע פשט אז שבועות איז מען דן אויף די קינדער ווייל דאס איז די פירות האילן קען זיין פשט אין פסוק מקרא קודש יהי'ה לכם פאר ענק וויפל חדושי תורה ענק וועלן מאכן חוקת עולם לדורתיכם אז מען משפט די דורות דאס הייסט די קינדער.

כ"ק מרן הגה"ק שליט"א

(יוסף לייב עסטרייכער, כתה ח')

**מה אדיר שמך בכל הארץ**

פארוואס האבן די מלאכים מסכים געווען אז מען זאל געבן די תורה פאר די אידן?

נאר מען קען עס פארשטיין מיט א משל:

מען האט ביי איינעם אוועקגע'גנב'עט א טייערער זיידענע קלייד איז ער ארויסגעגאנגען אין דער שטאט זוכן די גניבה איז ער אריינגעקומען אין א שטוב און ער האט געזען א צוזאמענגעלייגטער קלייד הענגט אויף די וואנט האט זיך אים געדאכט אז דאס איז זיין קלייד ווייל וויבאלד עס איז געווען צוזאמענגעלייגט האט ער נישט געזען וואס פאר א מאטריאל דער קלייד איז.

רופט ער זיך אן צום בעל הבית וואס טוט מיין קלייד ביי דיר?

ענטפערט אים דער בעל הבית דאס איז נישט דיין קלייד דאס איז מיין קלייד, אזוי האבן זיי זיך ביידע ברודער געקריגט זאגט דער בעל הבית צו אים זאגט מיר וואס פאר א מאטריאל איז געווען די קלייד וואס מ'האט גענייעט? זאגט ער "פון זייד".

האט אים דער בעל הבית געוויזן אז דאס קלייד איז פון וואל. און יענער איז אוועקגעגאנגען.

דער נמשל איז די מלאכים האבן גע'טענה'ט פאר השי"ת גיב אונז די תורה און נישט צו די מענטשן, מיר וועלן בעסער אפהיטן די תורה, ווי די מענטשן האט משה רבינו געמאכט א וויכוח מיט די מלאכים און האט געפרעגט השי"ת וואס שטייט אין די תורה וואס דו ווילסט מיר געבן?

האט אים השי"ת געענטפערט לא תגנוב און לא תרצח.

זאגט משה רבינו צו די מלאכים גייט דאס דען אן ביי די מלאכים זיי האבן נישט קיין יצר הרע האבן שוין די מלאכים נישט געקענט ענטפערן מילא האבן זיי מודה געווען אז מען דארף געבן די תורה פאר די אידן.

(ברוך קרויס כתה ח')

**בחודש השלישי וגו' ביום הזה באו מדבר סיני.**

דער מדרש זאגט אז דערפאר שטייט ביום הזה אז אלץ ווען מען לערנט די פרשה ווערט עס באטראכט פאר השי"ת ווי מען וואלט אין דער צייט געשטאנען פאר'ן בארג סיני און מקבל געווען די תורה דער רייד זענען א גרויסע חיזוק פאר א איד וואס באטראכט זיך אין שבועות אז ער האט זיך גארנישט צוגעגרייט צו דעם הייליגן יום טוב פון קבלת התורה און ער וועט שטארק צובראכן זאל ער נישט אריינפאלן ח"ו אין א יואש. ווייל מיר ווייסן אז מערערע מצוות קען מען היינט נישט מקיים זיין בפועל נאר דורך דעם וואס מ'לערנט די פרשה וואו עס שטייט וועגן דער מצוה ווערט עס באטראכט פאר השי"ת כאילו מען וואלט עס בפועל געטוהן, די גרויסע הכנה וואס אידן האבן געמאכט צו קבלת התורה און מ'איז משתוקק אז הלוואי וואלט מען אויך געקענט מאכן אזעלכע הכנות באטראכט עס השי"ת כאילו מען וואלט עס טאקע מקיים געווען בפועל.

דברי יואל יתרו

(שמואל אליעזר פערל, כתה ז')

**בחודש השלישי וגו' ביום הזה באו מדבר סיני.**

דער מדרש זאגט אז דערפאר שטייט ביום הזה אנצודייטן אז אלץ ווען מען לערנט די פרשה ווערט עס באטראכט פאר השי"ת ווי מען וואלט אין דער צייט געשטאנען פארן בארג סיני און מקבל געווען די תורה.

די אויבענדערמאנטע רייד זענען א גרויסע חיזוק פאר א איד וואס באטראכט זיך אינעם יו"ט שבועות, אז ער האט זיך גארנישט צוגעגרייט צו דעם הייליגן יו"ט פון קבלת התורה און ער וועט שטארק צובראכן אז ער זאל נישט אריינפאלן ח"ו אין א יאוש.

ווייל מיר ווייסן אז מערערער מצוות קען מען היינט נישט מקיים זיין בפועל נאר דורכדעם וואס מ'לערנט די פרשה וואו עס שטייט וועגן דער מצוה ווערט עס באטראכט פאר השי"ת כאילו מען וואלט עס טאקע געטוהן בפועל. לויט דעם ווען מען לערנט אין שבועות די גרויסע הכנה וואס אידן האבן געמאכט צו קבלת התורה און מ'איז משתוקק אז הלוואי וואלט מען אויך געקענט מאכן אזעלכע הכנות באטראכט עס השי"ת כאילו מען וואלט עס טאקע מקיים געווען בפועל.

דברי יואל

(נפתלי הכהן ראפאפורט, כתה ז')

**ומשה עלה אל האלקים.**

מען דארף פארשטיין אין דעם ווייל עס שטייט שפעטער וירד משה וגו' וירד ה' על הר סיני פארוואס האט משה געדארפט ארויפגיין אין הימל אבער עס שטייט אין גמרא אז דער באשעפער האט געזאגט צו משה אז טאמער דו וועסט נישט גיין אויסלייזן די אידן

פון מצרים ווער וועט זיי אויסלייזן לכאורה וואס האט דעם צוטוהן מיט אונז אבער מיר ווייסן שוין אז יציאת מצרים איז א הכנה צו קבלת התורה און די תורה האט געמוזט געגעבן ווערן דורך משה רבינו עליו השלום ווייל אין זיין נשמה איז געווען א חלק פון אלע אידן נשמות און עס שטייט בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה וועגן דעם האט משה געדארפט מקבל זיין די תורה וועגן דעם האט משה געדארפט ארויפגיין צו זעהן טאמער אלע די באשעפער מלאכים און שרפים טאמער זיי ווילן אז די אידן זאלן באקומען דער תורה און עס שטייט הן לה' אלקיך השמים ושמי השמים רק באבותיך חשך ה' מכל העמים און נאכדעם וואס די אידן זענען געוואויר געווארן אז דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה דוקא פאר די אידן דערמאלטס וירד ה' על הר סיני וגו'.

תפארת שלמה

(חיים לייב גרינפעלד, כתה ח')

**"לבית יעקב" אלו הנשים?**

דעריבער זאלסטו צו ערשט רעדן צו די נשים ווייל "ותגיד" זי די פרוי דארף דאך דאס איבערגעבן "לבני ישראל" זי דארף דאך דערציען דעם יונגן דור...

מהרש"א סוטה

(שלום פרידריך כתה ז')

**והייתם לי סגולה מכל העמים.**

א סגולה הייסט אן אייגענשאפט פון א זאך וואס האט נישט קיין שום טעם און אויך אן קיין שום באגרינדונג נאר ווייל השי"ת האט געוואלט זיך אויסקלויבן די אידן דוקא פאר זיין פאלק.

קדמונים

(יחזקאל יואל גאטטעסמאן, כתה ח')

**כה תאמר לבית יעקב וכו'**

אלו הנשים דעריבער זאלסטו צו ערשט רעדן צו די נשים ווייל ותגיד זי די פרוי דארף דאך דאס איבערגעבן לבני ישראל זי דארף דאך דערציען דעם יונגן דור.

מהרש"א סוטה

(אברהם יהודה גאלדשטיין, כתה ז')

**והייתם לי סגולה**

פונקט ווי א סגול אויף וועלכע זייט מען זאל אים נישט דרייען בלייבט ער אלץ א "סגול" אזוי זענען די אידן: וועלכע צייטן זיי זאלן נישט דורכמאכן, וועלכע גלות'ן זיי זאלן נישט דורכגיין – בלייבן זיי אלץ אידן...

ר' דוד לעלובער זי"ע

(שלום פרידריך כתה ז', אברהם אקער כתה ח')

**והייתם לי סגולה.**

א סגולה איז א זאך וואס איז העכערן שכל אזוי אויך ווען די אידן ביים באשעפער ער וועט זיי ליבן אין אלע אומשטענדן אפילו עס וועט נישט האבן קיין שום סיבה און טעם.

היהודי הק' מפשיסחא ז"ל

(יששכר דוב טווערסקי, כתה ז')

**והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ.**

נישט דוקא ווען די אנדערע פעלקער וועלן זיין געצענדינער און אומגלויבנדיג וועט איר ביי מיר זיין "סגולה מכל העמים" דאס איז דאך נישט קיין רביתא נאר אפילו ווען עס וועט קומען די צייט אז כי לי כל הארץ די גאנצע וועלט וועט זיך ווענדן צו מיר ווי עס וועט זיין לעתיד לבא אז אלע פעלקער וועלן אנערקענען די געטליכע ממשלה אויך דאן וועט איר אידן זיין ביי מיר דאס ליבלונג פאלק פון צווישן אלע פעלקער.

יקיר מפז

(משה לייב לעוו, כתה ח')

**ואתם תהיו ממלכת כהנים וגוי קדוש.**

השי"ת האט געזאגט פאר אידישע קינדער איר וועט זיין א קעניגרייך פון הערן און א הייליג פאלק מען דארף פארשטיין די דאפעלטע לשון ואתם תהיו עס וואלט געקענט שטיין ותהיו לי ממלכת כהנים? מען קען דאס ערקלערן לויט ווי מיר געפינען אין גמרא אז מ'לערנט ארויס פון דאס ווארט אתם אז דאס מיינט אפי' שוגגין אפי' מזידין דאס מיינט סיי לויט וועלכע מצב איר זענט אפי' איר האט נישט ריכטיג געטאן צו בשוגג צו במזיד דאס זעלבע קען מען זאגן אז די אידן האבן די זכי' צו זיין א ממלכת כהנים וגוי קדוש כאטש מען איז ח"ו אדורך געפאלן מיט פארשידענע מכשולות צו בשוגג אדער אפילו ח"ו במזיד (חוץ אזעלכע זאכן ווי מינות וואס האט נישט קיין תשובה) אבער אויף אנדער זאכן וועט מען זוכה זיין צו תשובה טאן און זיי א ממלכת כהנים גוי קדוש זאגט דער פסוק ואתם כאטש איר זענט אדורכגעפאלן מיט עבירות דאס איז מרומז און דאס ווארט ואתם – דאך תהיו ממלכת כהנים וגוי קדוש.

דברי יואל

(יששכר דוב טווערסקי, משה יהודה סאלינסקי, כתה ז')

**וקדשתם היום ומחר.**

דער יצה"ר טראגט אן אלץ פארן מענטש, אז היינט זאל ער אים נאך פאלגן און מארגן וועט ער קענען דינען דער

באשעפער איז די תורה מרמז מ'זאל אים ענטפערן קודם וויל איך מיך היינט הייליגן וקדשתם היום.
ר' אברהם מסלאנים ז"ל
(יששכר דוב טווערסקי, שלום פרידריך כתה ז')

**ויחרד כל העם.**
די חז"ל זאגן כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת (יעדער וואס זיין מורא פון עבירות איז פאר זיין לערנען האט זיין לערנען א קיים) דערפאר האט השי"ת געמאכט אז די אידן זאלן מורא האבן און ציטערן און האבן יראת שמים כדי עס זאל זיין יראת קודמת לחכמתו.
מאור עינים
(עקיבא משה הלוי מארמארשטיין כתה ז')

**וקדשתם היום ומחר.**
די קדושה זאל בלייבן אויך מארגן ווען זיי וועלן אוועק גיין פון דאנען נישט דוקא בשעת מען הערט תורה אדער מוסר.
פרדס יוסף
(יעקב אהרן גאטטעסמאן, כתה ח')

**ויגד משה את דברי העם אל ה'.**
זאגט רש"י, משה האט געזאגט די אידן ווילן הערן פון דער אויבערשטער די עשרת הדברות לכאורה ווי זעט מען אין פסוק אז זיי האבן אזוי געזאגט, נאר עס קען זיין פשט אז עס שטייט אין פסוק דברי העם אל ה' צו זאגן אז זייער ווילן איז צום אויבערשטער אליין צו זעהן זיין קעניגרייך און הערן פון זיין מויל.
ייטב פנים
(ישעי' שלעזינגער, כתה ח')

**כל אשר דבר ה' נעשה.**
נעשה איז א לשון רבים די אידן זענען געווען כאיש אחד בלב אחד וויל ביי קבלת התורה האט יעדע געפילט אן אחראי אויף די צווייטן.
(יששכר דוב טווערסקי, כתה ז')

**"ועתה" אם שמוע תשמעו בקולי.**
דער "אם שמוע תשמעו בקולי" מוז זיין אין די בחינה פון "ועתה" תיכף און גלייך.
תפארת נפתלי לכק"ז זצ"ל
(נפתלי כהן ראפאפורט, כתה ז')

**כפה עליהם הקב"ה הר כגיגית.**
פארוואס האט דער אויבערשטער אויפגעהויבן די בארג אויף דעם וואס די תנאים קריגן זיך טאמער מען זאגט ו' מוסיף אדער ו' לחלק און אט שרייבט דער מהרש"א אז זיי האבן געזאגט נעשה אז זיי גייען מקיים זיין די עשין ונשמע אז זיי גייען אפהיטן די לאווין יעצט איז דער מחלוקת אז ווען די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע קען עס זיין אין צוויי וועגן אדער אז ו' להוסיף אז עס מיינט סיי די עשין און סיי די לאווין אדער ו' לחלק אז זיי זענען נישט מקבל נאר די עשין אדער נאר די לאווין וועגן דעם האט דער אויבערשטער איבערגעדרייט דער בארג אויף זיי אזוי ווי א פאס אז זיי זאלן מקבל זיין ביידע סיי די עשין און סיי די לאווין.
כ"ק מרן הגה"ק שליט"א
(חיים לייב גרינפעלד, כתה ח')

**ויאמר משה לא יוכל העם לעלותוגו' כי אתה העדותה וגו' לך רב.**
משה רבינו איז געווען אין אזא הויכע מדריגה אז ער האט געהאלטן וויבאלד השי"ת האט שוין געזאגט אז מען טאר נישט גיין צום בארג, אז דאס איז שוין איינגעבאקן געווארן אלס צווייטער נאטור און די אידן קענען נישט שוין בכלל נישט ארויפגיין און מען דארף זיי נישט זאגן א צווייטע מאל האט אים השי"ת געזאגט לך רב ער זאל זיך אראפלאזן פון זיינע מדריגות וועט ער פארשטיין אז נישט יעדער איז אין אזא הויכע מדריגה ווי ער און מען דארף טאקע נאכאמאל ווארענען.
קדושת לוי
(דוד אלי' עסטרייכער, כתה ז')

**אנכי ה' אלקיך.**
ביי קבלת התורה זענען אידן געווען ווי איין מענטש און אנגעקניפט אין משה האט די דיבור געקענט זיין בלשון יחיד צו משה'ן אליין וויל זאגנדיג אים איז עס ממילא געווען געוועגדעט צו אלע אידן, ביים עגל אבער ווען אידן האבן זיך אפגעטיילט פון משה רבינו איז געווען גאר עפעס אנדערש איז טאקע די טענה א ריכטיגע אז די ציווי וואס איז געווען געוועגדעט צו משה האט די יודן נישט געמיינט.
חידושי הרי"ם
(יעקב וויינבערגער, כתה ח')

**אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך.**
אויף וויפיל א איד איז מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים אויף אזוי פיל ווערט דערוועקט דער כח פון יציאת מצרים וויל דאס איז דאך געווען דער פארבינדונג צו דער יציאה דעריבער איז "אין לך בן חורין

אלע העוסק בתורה" ווייל וואס מער ער איז עוסק בתורה אלץ מער ווערט ער א יוצא ממצרים און א "בן חורין".

שפת אמת

(מאיר הערש פריעדמאן, כתה ח')

**אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים.**

כל זמן די אידן זענען געווען אין מצרים איז זייער עבודת השם געווען מיראה ווייל זיי האבן מורא געהאט אז מען וועט זיי נישט ארויסנעמען פון מצרים אבער נאך יציאת מצרים איז זייער עבודה שוין געווען מאהבה אלס ליבשאפט צו השי"ת וואס האט זיי געטוהן אזויפיל חסדים דער עובד מיראה הייסט נאר א "עבד" וואס האט מורא פארן האר צוגעבן דעם עבד מאהבה וועט שוין אנגערופן בן א קינד וואס האט ליב זיין טאטן קומט דאך אויס אז דורכ'ן "הוצאתיך מארץ מצרים" זענען אויך אידן ארויסגענומען געווארן פון גדר עבדים און באקומען דעם נאמען "בנים למקום" דאס הייסט "מבית עבדים" פון צו זיין עבדים למקום.

קדושת לוי

(יהודה משה יצחק שטערנליכט, כתה ח')

**לא תשא את שם ד' אלקיך לשוא.**

דו זאלסט נישט טראגן אויף דיר ג-ט'ס נאמען אויף א פאלשן אופן. דו זאלסט נישט ווייזן פאר מענטשן מער ערליכער און פרומער ווי דו ביסט באמת.

אור החיים

(משה לאנגבערג, כתה ח')

**זכור את יום השבת לקדשו.**

טייל מענטשן ווילן אפטיילן דעם זכור פון שמור, דער ארימאן וויל גיכער דעם שמור ווייל ער פירט נישט קיין גרויסע געשעפטן און ער וועט נישט האבן פונעם היטן שבת אזא גרויסע שאדן דערקעגן איז אים שווערע מקיים צו זיין דעם זכור ווייל ער האט נישט קיין געלט אויף מכבד צו זיין דעם שבת מיט ווייך און אלע מאכלים דער עושר דערקעגן איז דעם זכור מקיים מיט אלע פרטים עס פעלט אים נישט קיין געלט אויף תענוגים אבער דעם שמור וויל ער נישט מקיים זיין ווייל מיט'ן אפשטעלן זיינע גרויסע געשעפטן וועט ער היזק האבן אסאך געלט דעריבער זאגן די חז"ל אז די זכור מיט'ן שמור זענען געזאגט געווארן צוזאמען און מען קען זיי נישט אפטיילן דער רייכער מוז אויך מקיים זיין דער שמור און ער מוז זיך גלייך צייטיג באמיען און העלפן דעם ארימאן כדי ער זאל קענען מקיים זיין דעם זכור.

המגיד מדובנא ז"ל

(יעקב וויינבערגער, כתה ח')

**ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתיך ויום השביעי שבת לד' אלקיך.**

זעקס טעג זאלסטו דינען השי"ת דורכ'ן טוהן דיין ארבעט און אין זיבעטן זאלסטו אים דינען דורכ'ן רוען און נישט טוהן דיין ארבעט.

רבינו בחיי בשם הרמב"ם ז"ל

(יחזקאל גאלדשטיין, כתה ח')

**אנכי ה' אלוקיך.**

מ'האט אמאל געפרעגט א משומד וואס איז בעסער געווארן פון פריער האט דער משומד געענטפערט עס איז ממש א פארקערטע וועלט ווען איך בין געווען א איד האב איך נישט געזען מיין באשעפער אין מיין באשעפער האט מיך יא געזען דערקעגן היינט זעה איך מיין ג-ט און מיין ג-ט זעהט מיך נישט.

(מנחם דוב טאמבור כתה ז')

**זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו.**

די ביידע גייען צוזאמען זכור דער וואס געדענקט אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט דער איז שמור און אפגעהיטן פון עבירות.

(מאור ושמש)

(יעקב לייב טווערסקי כתה ח')

**כבד את אביך.**

אין זכות פון אפהיטן ריכטיג כיבוד אב ואם וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה און משיח וועט קומען בקרוב א רמז דערצו די סופי תיבות פון כבד את אביך איז בגימטריא משיח בן דוד (424).

חומת אנך – חיד"א

(מנחם דוב טאמבור כתה ז')

**לא תחמוד בית רעיך.**

מען קען אריינקלערן צו די לאו פון לא תחמוד מיינט אז מען טאר נישט גליסטן יענעמ'ס חפץ איז די פשט אז מען טאר אפילו נישט גליסטן צו פארמאגן ענליכס ווייל יענער האט עס אויך פון הר הקדוש זעט אויס ווי די צווייטע טעג ווייל די זוהר הקדוש איז מדייק מזכיו אלע אנדערע שטייט א פסוק צווישן די לאו און די אוסר ווי גלייך עס וואלט געשטאנען פאר זיך אליין צו ווייזן אז אמאל מעג מען יא ווי דאס צוםביישפיל ווען בית דין דארף הרג'ענען אבער ביי לא תחמוד שטייט נישט א פסוק ווייל דאס איז שטרענג פארבאטן אויסער ביי

לימוד התורה מעג מען יא ווייל קנאת סופרות תרבה חכמה די קנאה פון תלמידי חכמים פארמערט תורה.
בני יששכר דרך פיקודך
(יעקב לייב טווערסקי, כתה ח')

**כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע.**

ס'שטייט אין מפ' דאס וואס די אידן האבן געזאגט מיט זייער גוטע ווילן "נעשה ונשמע" איז נאר געווען אויף תורה שבכתב אזוי ווי די חז"ל ברענגען, און צו תורה שבעל פה איז ערשט ווייטער געווען דער כפיית ההר אז די אידן זאלן מקבל זיין אויך די אלע זאכן וואס השי"ת אלץ הלכה משה מסיני און אזוי אויך די אלע מצוות און גדרים וסייגים וואס די חכמי הדורות וועלן מוסיף זיין.

אט דאס איז מרמז די מסורה פון דריי מאל "ונשמע" קודם איז געווען נעשה ונשמע וואס די אידן האבן געזאגט אויף די תורה שבכתב דערנאך האט נאך געדארפט זיין כפיית ההר כדי עס זאל אויך זיין ונשמע קולו בבואו אל הקודש אז די אידן זאלן אויף זיך מקבל זיין אויך איינצוהאלטן די אלע זאכן וואס מיר האבן מקבל געווען בעל פה, הלכה למשה מסיני און אזוי אויך ונשמע פתגם המלך די אידן זאלן זיך מקבל זיין צו הערן אין אלע דורות צו די רייד פון די חכמים און אמת'דיגע מנהגים דאס אלעס האבן די אידן אויף זיך מקבל געווען ביי קבלת התורה.
ייטב לב
(שלום פרידריך, כתה ז')

**מתן תורה.**

מ'האט אמאל געפרעגט הרה"ק מפשערוואוסק זצ"ל פארוואס ביי הלל הגדול וואס מען זאגט שבת אינדערפרי (הודו לד' כי טוב כי לעולם חסדו) רעכענט מען אויס אלע זאכן וואס די אידן האבן באקומען אין זמען פון גלות מצרים און שפעטער פארוואס דערמאנט מען נישט אויך קבלת התורה האט אים דער רבי געוויזן אז אין בארדיטשובער סידור ווערט אויסגערעכנט ביי יעדע הודו א נאמען פון א מלאך זעהן מיר אז דער שיר איז א שירה פון די מלאכים אזוי ווי די מלאכים האבן נישט קיין תורה דעריבער דערמאנען זיי נישט מתן תורה.
הרה"ק מפשערוואוסק זצ"ל
(משה לייב לעוו)

**שפוט השופטים.**

די דין תורות און משפטים זענען געגאנגען לויטן פונקטליכקייט פון דין עס האט קיינער נישט געוואלט מוותר זיין און זיך פירן לפנים משורת הדין און דאס האט געברענגט אז והיא רעב בארץ.
ייטב לב
(חיים יואל עקשטיין, יואל יוסף גרינפעלד, מנחם מאיר מאנן, כתה ז')

**ויהי בימי שפוט השופטים.**

דרש'ענען חז"ל דור ששפטו את שופטיהם זיי האבן אפגע'משפט די שופטים, עס איז געוואלדיג נידעריג און בושה פאר דעם דור וואס גייט משפט'ן און דאס איז מרמז אינעם פסוק ווייל די ר"ת פון ו'יהו ב'ימי ש'ופט ה'שופטים איז בוש"ה.
החיד"א ז"ל
(ליפא היימאן, אברהם לייב מקובצקי, כתה ז')

**ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ.**

מ'קען ערקלערן דעם צוזאמהאנג פון די צוויי זאכן ווייל מיר געפונען אויפן פסוק ווייל מיר געפונען אויפן פסוק שפטים ושוטרים תתן לך וגו' למען תחי' באמערקט רש"י ז"ל כדי הוא מנוי דיינים צו ברענגן שפע פון פרנסה און לעבן פאר אידן אין דעם דור ווען די שופטים זענען נישט געווען ערליכע און דאס דור האט אפגע'משפט די שופטים האט דאס געברענגט דערצו אז ס'איז געווען א הונגער.
אלשיך הק'
(מנחם מאיר מאנן, כתה ז')

**ואנכי לא אהי' כאחת שפחותיך.**

אויב איך קען נישט זיין א אידיש קינד, און זיך באהעפטן צום אנכי וויל איך כאטש זיין כאחת שפחותיך א דינסט ביי אידן.
קדושת לוי
(אברהם שלמה פריעדמאן, יצחק לנדאו, עקיבא משה הלוי מארמארשטיין כתה ז')

**ותרא כי מתאמצת היא ללכת ותחדל לדבר אליה.**

נעמי האט באמערקט אז דער וועג קומט אן זייער שווער פאר רות, זי איז געווארן שוואך און עס איז איר שווער געווען מיט צו גיין מיט נעמי, דערפון האט נעמי פארשטאנען אז זי מיינט עס ערנסט און זי וויל מקבל זיין אויף זיך דעם עול תורה, ווייל מיר וויסן אז תורה מתשת כוחו של אדם די תורה שוואכט אפ דעם מענטש קערפערליך. דערפאר האט זי אויפגעהערט איר אפצורעדן פון באהעפטן זיך צום אידישן פאלק.
חסד למשיחתו בשם חיד"א
(יואל משה ענגלענדער, כתה ז')

**ותעזבי וגו' ותלכי.**
א איד איז אלץ א הולך ער גייט העכער און העכער אין עבודת ה' ווייל וויבאלד א איד שפירט א טעם אין תורה און אין מצוות וויל מען אלץ גרייכן העכער און העכער און יעדן טאג שפירט מען אלץ מער טעם אין עבודת ה'.
ייטב פנים
(אברהם שלמה גרינפעלד - מרדכי גראזינגער כתה ז')

**ותשב נעמי ורות.**
דאסווארט ותשב וואס איז טייטש אומגעקערט שטימט גוט אויף נעמי וועלכע האט זיך צוריקגעקערט צום ארט וואו זי איז געקומען ווי שטימט עס אבער אויף רות? נאר דאס איז א רמז אז רות האט אויך געהאט א שורש קדושה אין א"י דערפאר פאסט זיך אויך פאר איר צו זאגן אז זי האט זיך צוריקגעקערט.
מלוא העומר
(ישראל יוזשעף, יעקב ארי' לאנגבערג, כתה ז')

**תהי משכורתך שלימה.**
אמר רב חסא אשר באת להסית תחת כנפיו די מפרשים וואונדערן זיך וואס איז ר' חסא מוסיף אויפן פסוק ער זאגט דאך נאר איבער דעם לשון פון פסוק. נאר ס'קען זיין אז בועז האט איר געוואלט מרמז זיין אז ביי אן ערליכע איד איז דער גרעסטער שכר טאקע דאס גופא אז מען קען טוהן דעם רצון הבורא דאס מיינט ר' חסא צו זאגן ותהי משכורתך שלימה וואס איז דער שכר "אשר באת לחסות תחת כנפיו".
שפת אמת
(יצחק לנדאו, כתה ז')

**בתי אל תלכי ללקט בשדה אחר וגם אל תעבירי מזה.**
מיר געפונען אין די גמרא אז ר' ישמעאל האלט אז א מענטש דארף ארבעטן פאר זיין פרנסה כדי עס זאל זיין וואו די ברכה איז חל אויף אים און זיין פרייע צייט דארף ער מקדיש זיין פאר תורה און די גמרא זאגט אז אסאך פון די וואס טוהן ווי ר' ישמעא-ל האבן טאקע מצליח געווען. אצינד האט דאס בועז מרמז געווען פאר רות וויאזוי זי דארף זיך פירן, אל תלכי ללקט בשדה אחר, אז זי זאל זיך נישט איבער געבן אינגאנצן פאר צרכי עולם הזה אבער אויב "וגם לא תעבירי מזה" אוועקגיין פון דעם וואס די טוט יעצט זאל זי אויך נישט ווייל אביסל מוז א מענטש טאן ארבעט פאר זיין פארדינסט אין דאס איז דער ריכטיגער וועג.
ייטב פנים
(יושע גרינפעלד)

**ותאכל ותשבע ותותר.**
דער פסוק איז מרמז אז די צדיקים פון רות האט געהאלטן אז אלעס וואס בועז זאגט איר צו איז מותרות און זי איז בכלל נישט ראוי צו דער אלע זאכן.
מאור ושמש
(עקיבא משה הלוי מארמארשטיין כתה ז')

**מגילת רות.**
דער צווייטן טאג שבועות בעפאר קריאת התורה לייגט מען מגילת רות. דער טעם איז ווייל מגילת רות שטייט דער יחוס און אפשטאם פון דוד המלך און אין דעם יו"ט שבועות איז דוד המלך געבוירן געווארן און אויך נפטר געווארן ווי די הייליגער חז"ל זאגן הקב"ה ממלא שנותהם של צדיקים וכו' השי"ת פארענדיגט די יארן פון צדיקים געגנוי צום טאג איז דערפאר צוליב דעם כבוד פון דוד המלך לייגט מען מגילת רות.
(יעקב ארי' לאנגבערג, כתה ז')

**יארצייט פון דוד המלך.**
אין איינער פון די שטעט פון ארץ ישראל האט געוואוינט א רייכער איד און ער האט נישט געהאט קיין קינדער און דער מאן איז געשטארבן און די פרוי איז געבליבן אן אלמנה.
אזוי ווי עס איז געווען נמאס צו וואוינען אין א גרויסן הויז אליין האט זי אפגעמאכט זי גייט אוועק פארן צו איר קרובים, אבער איין פראבלעם האט זי געהאט, זי האט נישט געהאט ווי צו לייגן אירע גרויסע סכום געלט ביז עס איז איר בייגעפאלן א פלאן אריין לייגן אלע גאלד און א קריגל און עס אנפילן מיט האניג, שוין עס איז שוין גרייט גייט זי אריבער צום שכן און בעט אים אויב ער קען עס האלטן פאר איר. דער שכן האט מסכים געווען און דער פרוי איז געפארן. אין די אלטע צייטן פלעגט זיין אז מען פלעגט חתונה מאכן אינדערהיים, דער שכן דארף חתונה מאכן און די שכנ'טע האט גענדארפט האבן מער האניג פאר די האניג קיכן, האט די שכנ'טע גענומען פון די האניג און אינמיטן האט זיך די לעפל אנגעקלאפט אין עפעס א אייזערנע זאך האט זי גערופן די מאן זאל געבן א קוק וואס איז געשעהן אינמיטן זעהט דער פיל מיט געלט, האט די מאן אפגעמאכט אז ער גייט נישט נעמען די געלט נאר די האניג, עס קומט ביינאכט קומט די יצר הרע צו די מאן און ער זאגט אים קוק צו קענסט דא פארדינען איבער מיליון פונט און די יצר הרע מוטשעט און מוטשעט ביז ער האט נעבעך געפאלגט

און גענומען די געלט, און איין צופרי קלאפט איינער אין טיהר דער מאן עפענט די טיר און זעהט די אלמה און די אלמנה זאגט געבט מיר צוריק די קריגלעך מיט האניג, זאגט די מאן, "יא, איין מינוט" און ער ברענגט ארויף די קריגלעך און געבט דאס פאר די אלמנה. די אלמנה קומט אהיים און זי הייבט אן אויסצולײדיגן די קריגלעך און זי טרעפט גארנישט, זי ליידיגט אויס איינס, נאך איינס און נאך איינס און גארנישט, זי טרעפט גארנישט. די אלמנה גייט צום שכן און זאגט אים וואו איז מיין געלט ענטפערט די מאן, וועלכע געלט, איך האב נאר געזעהן האניג. אבער די פרוי מוטשעט און מוטשעט און זי גייט אוועק אבער די אלמנה האט געפילט אז דער מאן האט גע'גנב'עט די געלט און די פרוי גייט צום בית דין און זי דערציילט די מעשה פאר די בית דין צום סוף פרעגט בית דין האסטו געהאט עדות ענטפערט די אלמנה ניין זאגט בית דין אונז קענען גארנישט טוהן שוין

די פרוי גייט ארויס אויפן גאס, אויפן וועג זעט זי א קליין יונגל און דער יונגל איז געווען דוד המלך פרעגט די פרוי וואס איז געשעהן אבער די פרוי דרייט זיך ארויס, אבער דוד המלך לאז נישט נאך ביז די פרוי האט דערציילט די גאנצע מעשה און דוד זאגט איך בין דיין עדות שוין די פרוי רופט די שכן אין בית דין און דוד זאגט פאר די אלמנה ברענג איין קריגל, און די פרוי ברענגט די קריגל און אין בית דין צוברעכט דוד די קריגל און דוד גייט צווישן די צובראכענע שטיקלעך און הייבט אויף איין שטיקל וואס אויפן שטיקל ליגט א גאלדענע רענדל און דוד הייבט דאס אויף הויך ווען די שכן האט דאס געזעהן איז ער געפאלן צו די פיס פון די ראש בית דין און ער האט זאגט מסכים איך וועל צוריק געבן אלע געלט, און ער האט אלעס צוריק געגעבן.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!

(יעקב וויינבערגער, כתה ח')